בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' | וירא | י"א חשון | תשע"ב | פסחים: ק"ג:

# באריכט:

## תוכן דברות קודש

נעכטן ביי די דרשת פתיחת הזמן פאר די תלמידי הישיבה גדולה אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפ'ן פסוק ואקחה פת לחם וסעדו לבכם אחר תעבורו, און מקדים געווען מיט א דרוש אין די סוגיא פון חצי שיעור און דבר שיש לו מתירין.

דערנאך האט דער רבי שליט"א אויסגעטייטשט אויף כמה אופנים און מעורר געווען בעניני תורה ותפלה ובפרט במעלות פון לימוד התורה פאר'ן דאווענען.

באזונדער האט זיך דער רבי שליט"א אפגעשטעלט און גערעדט בענין שמירת הזמנים, ווי אויך האט דער רבי שליט"א ארומגערעדט בענין קדושת שב"ק ווי אזוי מען דארף זיך צוגרייטן צום שב"ק און דעם גאנצן שב"ק אויספילן מיט לימוד התורה וואס דאס איז משפיע אויף א גאנצע וואך.

❧•❧

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – סניף דברי יואל. פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' מאיר דוד גאלדבערגער הי"ו פון קרית יואל, דערנאך איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יודא הערש בערגער הי"ו פון קרית יואל ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל.

נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געזאגט א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים.

❧•❧

היינט נאכט וועט אי"ה זיין זמן כניסה אין וויליאמסבורג בביתו נאוה קודש פון רבי'ן שליט"א אויף היוז סט.

❧•❧

## שמחת ברית מילה פאהרגעקומען בחצרות קדשינו

היינט אינדערפרי איז פאהרגעקומען דער שמחת הברית בחצרות קדשינו – לבן הנולד להר"ר סיני טייטלבוים שליט"א בן הרה"צ אב"ד קהלתינו 15 עוו. שליט"א, אין היכל תהילת יהוסף בביהמ"ד הגדול אין וויליאמסבורג.

מיט מוהלות איז מכובד געווארן דער עלטער-פעטער הגה"צ אבד"ק דקהלתינו בארא פארק שליט"א, מיט סנדקאות איז מכובד געווארן דער זיידע הגה"צ

מ'מעליץ שליט"א, און די ברכות וקריאת השם האט געזאגט דער זיידע הרה"צ אב"ד דקהלתינו 15 עוו. שליט"א, ויקרא שמו בישראל משה נאכ'ן גרויסן עלטער זיידע'ן מרן רביה"ק זי"ע.

***-כן יכנס לתורה לחופה ולמעש"ט-***

## וויכטיגע וואלן היינט אין קרית יואל

היינט דינסטאג קומען פאר די גאר וויכטיגע נאוועמבער וואלן, וואו עס לויפן די קאנדידאטן וואס שטייען א גאנץ יאר צו הילף פאר קרית יואל, אין דעם היינטיגן טאג ווען זיי נויטיגן זיך אין אונזער הילף, מוזן מיר זיך צוזאמנעמען מיט א פאראייניגונג, און ארויסגיין שטימען.

מען דארף נעמען אין באטראכט אז מיט'ן פארשטערקערן דעם קרית יואל בלאק וואוט, האט מען א חלק אין די אלע פעולות לטובה וואס ווערן געטוהן א גאנץ יאר לטובת אחינו בני ישראל בכלל, און פאר קרית יואל בפרט.

יעדע איינציגע שטימע איז וויכטיג, די וואלן קומען יעצט פאר אין די זאלן פון קרן ויואל משה, ביז 9:00 ביינאכט, עס איז צוגעשטעלט געווארן פרייע קאר סערוויס, און אויך איז צוגעשטעלט געווארן בעיביסיטינג אויפן פלאץ.

מען בעטן בכל לשון של בקשה, יעדער איד וואס דער עתיד פון דעם הייליגן שטאט קרית יואל איז אים טייער, און ער וויל אז מען זאל ווייטער קענען אנגיין מיט די הרחבת גבולי הקדושה, זאל נישט צולאזן צו צוברעכן דעם קרית יואל בלאק וואוט.

די וועלכע האבן שוין אפגעגעבן זייער שטימע זאלן טון א חסד מיט אזויפיל טויזענטער משפחות אין קרית יואל בליעה"ר און אנרופן קרובים ידידים אין קרית יואל און זיכערמאכן אז יעדער קומט ארויס שטימען.

***-ובשם ה' נעשה ונצליח-***

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**